**A Jew Takes a Pleasure Trip By Asher Beilin (An'eygener)**
**(First published in Yiddish: *Di tsayt*, 1927)**

One morning, I could swear it was last Monday, no sorry, maybe it was Wednesday, or was it Tuesday? Anyway, it doesn't make any difference when it was, the point is that it happened.

Well then, one fine morning I hear a car horn beneath my window. I look out and see my neighbour, the Litvak and his wife, the Litvatshka in a car. They were sitting there comfortably and invited me to come and take a look at their new second-hand car which they had just bought for their business – a horseradish sauce factory.

I went down and was introduced to the car. A four-seater. It didn't look too good – a bit the worse for wear, if you see what I mean – but a car, like all other cars, with four wheels. What's the difference?

My neighbour, the Litvak invited me to scramble into the car. They were going on a day's pleasure-trip to Westcliff and wanted me to come with them. I needn't be afraid – he assured me:

"My wife says I'm a good driver". "Yes," she said: "he knows how to drive."

I let myself be persuaded and jumped into the car.

My neighbour decided to drive via the East End. First he wanted to go to the Lane to get hold of some food for the day (he'd brought a bottle of brandy and some glasses with him from home which he kept in his pocket). Secondly, he wanted to stop near the hospital, to pick up another person, a brother-in-law of his. And thirdly… he didn't finish, but I understood that his thirdly meant that his friends and acquaintances would see that he had a car and would be eaten up with jealousy.

The car stuttered a bit, as if suffering from corns and limping on one leg. But my neighbour assured me, it was nothing, nothing dangerous.

He drove the car really slowly, explaining that people generally drive more slowly inside London than outside London. When they got out of the city, he'd show me what sort of car this was and what sort of a driver he was. The Litvatshka was stretched out comfortably as if, not only the car, but the whole world belonged to her.

In the Lane, my neighbour bought herring, kosher meat sandwiches and sour cucumbers. The cucumbers were for the Livatshka, who you know, just like all married women, loves pickled cucumbers. And because my neighbour is a Litvak, he bought himself a head of garlic.

He drove through Whitechapel, and, not far from the London Hospital, he picked up his brother-in-law, a fair-haired man with a pointed beard – and also his wife who

was wider than she was tall, and her two sisters, who were as alike as two peas in a pod. So as not to confuse people, they had different names, Sadie and Fanny.

The car went on its way, but as well as limping along, it also began whistling, as if it were suffering with asthma. Maybe it was upset that it was a four-seater carrying extra people.

Near Bow, a policeman began to get angry with my neighbour and asked him if he knew the difference between right and left. My neighbour explained to me that the policeman's complaints were groundless. He was probably an antisemite.

By the time we left London it was half-way through the day.

"Now it will all go without a hitch," the Litvak assured me.

Suddenly it rained, it poured, and the Litvatshka suggested pulling the hood over the car. But Mr Litvak didn't want to. He assured her that it wasn't worth the effort because the rain would soon stop.

And only when we were all thoroughly soggy and soaked through did he stop the car and say:

"Do you think it might be an idea to pull the hood on?"

We both crawled out and pulled at the hood, but it wouldn't move. The fair-haired brother-in-law offered a piece of advice:

"We need to get hold of a goy!"

We stood around for a while looking for a goy, and then saw one. The goy came over and pulled the hood on, we paid him and on we went.

The car wasn't moving like it had been. It slipped this way and that like a drunkard. Now swerving right and now left. The other cars passing us hooted their horns in long blasts like the shofar at New Year, and the drivers swore at the Litvak and yelled at him threateningly. But he remained calm.

"Who listens to them?" he complained,

"they can't bear it that a Jew has a car as well as them."

Suddenly a slide and a screech and a zooooosh! What happened? Oh just a minor incident, a tyre burst.

We both crawled out. My Litvak got the spare tyre out of the car and we both tried to change the burst one for the good one. But it was no bloody use, we just couldn't do it. We were both covered in grease and stood with outstretched arms not knowing what to do.

The fair-haired brother-in-law offered a piece of advice:

"We need to get hold of a goy!"

Eventually we found a goy. The wheel was put on and we went on further.

A few minutes later the car stopped again. My neighbour yelled, “Oh no!”

What was he matter? The back of his trousers felt wet. He had sat down on top of the bottle of brandy, had broken it and was sitting on pieces of glass.

So, we were without brandy, but if necessary we could get some on the way in a pub.

It was getting quite late and we were beginning to feel hungry. The Litvatshka opened the box with the food. Suddenly, crash! There was a shudder and we all grabbed each other. The windscreen shattered and the glass fell on us. What had happened was that the car had ploughed into a charabanc coach. Total chaos. Our passengers stumbled out of the car, and the coach passengers stumbled out of the charabanc. The Litvak and the charabanc driver swore at each other, each accusing the other. Finally, they swapped names and addresses.

When the charabanc had driven off, the Litvak boasted:

“When we hit that coach, we could have all been killed. We should thank God I’m a good driver and it’s only the car that is damaged. And that doesn’t matter because it’s insured.

We continued on our way, but we couldn’t touch the food because it was full of glass. As we went further, I thought to myself what a fool I am. Only last week I sent away three insurance agents one after the other. It would have been better to have had a life policy.

A while later, the car stopped again. My neighbour turned the key, groaned, the car wouldn’t go. We both stumbled out. My neighbour opened the bonnet, looked at the car’s guts and innards, put a hand here and there, bloodied a finger, but it didn’t help. We stood there despondently for a long time. It was getting dark, the rain began to stream down as if a tap had been turned on. What were we to do?

The brother-in-law offered a piece of advice:

“We need to get hold of a goy!”

We eventually found a goy. He came over, tinkered with the car and shook his head in despair. He told us that there was a garage at the top of the hill. We should drag the car up there and they would have a look at it.

My neighbour and I began to push the car. It was slippery and steep. We sweated and realised that we weren’t strong enough. The fair-haired guy, however, had a piece of advice:

“We need to get hold of a goy!”

We got a goy. With great effort, we pushed the car to the garage. The mechanic explained that it was a big job and it wouldn't be finished today. The fair-haired guy offered a piece of advice:

"Get a goy with a car to tie our car behind his and tow us to Westcliff and get it fixed there."

Finally, we found a goy with a car. We were towed along very slowly in the slippery rain. The journey went on and on but eventually we got there. And I was lucky enough to catch the last train back to London.

What a trip it was. What a pleasure!

The next day my neighbour invited me to go with him to Brighton the following week on a pleasure trip. He assured me that since the repair, there was no better car in the whole of England.

*A Jew Takes a Pleasure Trip by Asher Beilin, translated by Vivi Lachs. From East End Jews: Sketches from the London Yiddish Press. © Vivi Lachs, 2025. Used by permission of Wayne State University Press.*

**Yid for oyf "plezhur"**

**A shokhn mit a kar – a nesiye keyn vestklif – m'darf krign a goy**

**Fun Asher Beilin (An'eygenem)**

***Di tsayt*, 1927**

Eynmol in an inderfri – kh'volt shvern az es iz geven letstn montik. Ha? Neyn. Entshuldikt. S'iz dakht zikh geven gor mitvokh un efsher gor dinstik. Ober sof-kol-sof iz dokh keyn khilek nit ven s'iz geven, abi s'iz geven.

Alzo – eynmol in an inderfri her ikh vi unter mayn fenster blozt a kar shoyfer. Ikh hob aroysgekukt un derzen in kar mayn shokhn dem litvak un zayn vayb di litvatshke (ikh hob shoyn aykh amol bakent mit zey). Zey zaynen gezesn beharkhovedik un mikh ayngeladn ontsukukn zeyer naye sekond hend kar, velkhe zey hobn ersht gekoyft far zeyere biznes – a khreyn fektori.

Ikh bin aroys un zikh forgeshtelt far der kar. A "for siter". A bisl dosik – opgenitsevet, heyst es, ober a kar vi ale kars mit fir reder. Vos iz den der untersheyd?

Mayn shokhn, der litvak, hot mikh ayngeladn az ikh zol araynkrikhn in kar. Zey forn oyf a tog keyn vestklif tsulib "plezhur" un viln az ikh zol mitforn. Ikh hob nit vos moyre tsu hobn – hot er mikh farzikhert – er ken gut traybn a kar. Zol zayn vayb zogn.

Di vayb hot gezogt: yo, er ken traybn a kar.

Hob ikh zikh gelozt iberredn un bin arayngeshprungen.

Mayn shokhn hot bashlosn forn durkh di ist end. Ershtns vil er zikh dort aropkhapn in di leyn un aynkoyfn shpayz farn tog (a flash bronfn mit a por glezlekh hot er mitgenumen fun der heym un gehaltn in zayn poket), un tsveytns vil er dort zikh opshteln nebn dem hospital mittsunemen nokh a perzon, a shvoger zaynem un dritens - - - dritens hot er mir nit geendikt, ober ikh hob farshtanen az dritens hot gemeynt: zoln fraynd un bakante zen az er hot a kar un platsn fun kine.

Di kar hot a bisl untergetantst, gehinken oyf eyn fus, azoy vi zi volt laydn fun hiner-oygn, ober mayn shokhn hot mikh baruikt az s'iz gornit, keyn sakone.

Er hot getribn di kar gants langzam. Er hot mir al pi seykhl oyfgevizn az in london fort men gevenlekh langzamer, vi oyser london. Az m'vet aroys fun shtot, vet er mir ersht vayzn vos far a kar dos iz un vos far a drayver er iz.

Mayn shkheyne di litvatshke hot zikh tseleygt beharkhovedik, glaykh vi nit nor di kar, nor di gantse velt iz ire.

In di leyn hot mayn shokhn ayngekoyft hering "sendvitshes" mit "boser kosher" un zoyere ugerkes. Di zoyere ugerkes zaynen geven far der litvatshke velkhe… ir

farshteyt... S'pasirt mit ale farheyrate froyen… Un azoy vi er iz a litvak, hot er far zikh ayngekoyft knobl.

Di kar hot zikh gelozt shpatsirn iber vaytshepl. Nit vayt fun london hospitl hot zikh arayngezetst oykh zayn shvoger, a gel yidl mit a shpitsik berdl. Dertsu hot zikh arayngezetst zayn vayb, velkhe iz geven nit azoy hoykh vi breyt, un dertsu hobn zikh arayngezetst ire tsvey shvester, tsvey moydn enlekh eyne tsu der tsveyter vi tsvey tropn vaser. Un oyb zey hobn zikh nit farbitn, iz es nor derfar vayl zey hobn gehat farsheydene nemen: seydi un feni.

Di kar hot zikh vider gelozt in veg. Oyser vos zi hot gehinken, hot zi oykh ongehoybn unterfayfn, glaykh vi zi volt laydn fun asma. S'hot ir aponem fardrosn vos zayendik a "for siter" hot men oyf ir ongezetst iberike parshoynen.

Nebn "bow" hot zikh a polisman epes ongehoybn beyzern oyf mayn shokhn un hot im gefregt tsi er veyst dem khilek fun rekhts biz links. Mayn shokhn hot mir ober dernokh derklert, az der polisman hot zikh umzist tsu im getshepet. Mistome an antisemit.

S'iz shoyn geven kimat halber tog ven mir zaynen aroysgeforn fun london.

- Itst vet es shoyn geyn vi a mizmer! – hot der litvak mikh farzikhert.

Mit amol – es regnt. A mabl.. Di litvatshke shlogt for oysshpreytn di dek fun kar. Der litvak vil ober nit. Er farzikhert az s'iz nit keday di tirkhe. Der regn vet bald oyfhern.

Ersht ven mir zaynen shoyn ale durkhgenetst un durkhgeveykt shtelt er op di kar un zogt:

- efsher volt a plan geven tsu nutsn dem dek?

Mir krikhn beyde arop un tsien di dek. Lozt zi zikh nit. Der geler shvoger git an eytse:

- M'darf krign a goy!

Mir shteyen a hipshe tsayt un kukn aroys oyf a goy. Endlekh krign mir. Der goy kumt tsu, tsit iber di dek, m'batsolt im un mir forn vayter.

Di kar geyt shoyn nit vi frier. Zi glitsht zikh aher un ahin un geyt vi a shiker. Ot iz zi rekhts un ot iz zi links. Di andere kars vos forn farbay blozn shoyfer, tkiyes gdoyles un di drayvers shiltn dem litvak un strashn mit kulakes. Er nemt es ober ruik:

- Ver hert zey? – taynet er

- zey farginen nit, vos a yid hot oykh a kar.

Plutslings a glitsh un a kvitsh un a Zhzzzzz. Vos iz? Et, a klenikeyt. A rod hot geplatst.

Krikhn mir beyde arop. Mayn litvak nemt arop di rezerv rod, vos hengt oyf der kar un mir beyde bamien zikh iberbaytn di kranke rod oyf der gezunter. Ober a

nekhtiker tog. Es geyt nit. Mir zaynen beyde oysgeshmirt, vi di rukhes, un shteyen mit oysgeshtrekte hent un veysn nit vos tsu ton.

Der geler shvoger git fun der kar an eytse:

- M'darf krign a goy!

Endlekh krign mir a goy. Di rod vert ongeton un mir forn vayter.

In etlekhe minut arum shtelt zikh di kar vider op. Mayn shokhn shrayt oys: "oy vey!"

Vos iz? Er hot derfilt az s'iz im nas in di takhtoynim. Er hot zikh aroyfgezetst oyf der flash bronfn un zi tsekvetsht un er zitst oyf shtiker gloz.

Meyle, zol zayn on bronfn. Al pi noyt ken men krign bronfn oyfn veg in a publik hoyz.

S'vert shoyn gants shpetlekh un dos harts heybt on tsien. Di litvatshke efnt dem boks mit di maykholim. Plutsling – trrrakh! Es tut undz alemen a treysl un mir khapn zikh on eyner inem tsveytn. Di gloz fun kar vert tseshmetert un falt oyf undz. Vos iz? Di kar iz ongeforn oyf a "tsherebenk". Es vert a mehume. Undzer oylem krikht aroys fun kar un an oylem krikht aroys fun "tsherebenk". Der litvak mit yenem drayver zidlen zikh. Eyner bashuldikt dem tsveytn. Endlekh bayt men zikh mit di nemen un adresn.

Ven der "tsherebenk" iz opgeforn barimt zikh der litvak:

- Ven s'volt trefn mit an andern, voltn mir ale in kar derharget gevorn. Mir darfn ober bentshn goyml vos er iz a guter drayver un di kar iz nor opgekumen mit a "demedzh", ober es makht nit. Di kar iz inshurt.

Mir forn vayter. Tsu dem esn ken men zikh nit tsurirn, vayl alts iz bashotn mit gloz.

Mir forn vayter. Ikh trakht mir: sof kol sof iz fun mir a narishkayt vos ikh hob letste vokh aroysgetribn dray inshurens agenten eynem nokhn andern. S'iz dokh beser ven m'hot a "layf polisi".

In a vayle arum a nayer stop. Mayn shokhn dreyt dort, kvetsht – es geyt nit. Mir krikhn beyde aroys. Mayn shokhn efnt di mashin fun der kar, dekt oyf ire kishkes un gederem. Shtupt a hant do un dort, tseblutikt a finger, ober es helft nit.

Mir shteyen fartsveyflt a lange tsayt. Es hoybt shoyn on finster vern. Der regn gist vi fun an emer. Vos tut men?

Git der shvoger an eytse:

- M'darf krign a goy!

Endlekh krign mir a goy. Er kumt tsu, tapt un shoklt mit yeyesh dem kop. Tsum sof derklert er undz, az oybn, barg aroyf gefint zikh a "garazh", zoln mir tsushlepn ahin di kar un dort veln zey shoyn zen.

Mayn shokhn un ikh heybn on shtupn di kar. S'iz glitshik un s'iz barg aroyf. Mir shvitsn beyde. Mir derfiln az s'iz nit far undzere koykhes. Dos gele yidl hot ober an eytse:

- M'darf krign a goy!

Mir krign a goy. Mit groys mi dershlepn mir di kar tsum "garazh". Der kar doktor derklert az s'iz a "groyser dzhob" un az er ken es haynt nit farendikn.

Dos geler yidl git an eytse:

- Krign a goy mit a kar, tsubindn undzer kar untern goys kar un araynforn in vestklif un zi dort farrikhtn.

Endlekh krign mir a goy mit a kar. Mir shlepn zikh in regn un glitsh zeyer langzam. Di nesiye tsit zikh un tsit zikh. Endlekh kumen mir on. Tsu mayn glik khap ikh nokh dem letstn treyn keyn london.

Shoyn eynmol a nesiye geven shoyn eynmol a "plezhur".

Mayn shokhn hot mikh oyf morgn ayngeladn az ikh zol "nekst vik" forn mit im keyn braytn oyf "plezhur". Er farzikhert mikh az nokhdem vi m'hot di kar farrikht iz keyn besere kar nito in gants malkhes england.

Transcribed from the original by Sima Beeri

## ייִד פֿאָר אויף "פּלעזשור"

### אַ שכן מיט אַ קאַר. -אַ נסיעה קיין וועסטקליף. -מ׳דאַרף קריגן אַ גוי.

פֿון: אַנ׳אייגענעם (אשר ביילין). (ספּעציעל פֿאַר די *צײַט*, 1927)

איינמאָל אין אַ אינדערפֿרי – איך וואָלט שווערן, אַז ס׳איז געווען לעצטן מאָנטיק. האַ? ניין. אַנטשולדיקט. ס׳איז דאַכט זיך געווען גאָר מיטוואָך און אפֿשר גאָר דינסטיק. אָבער סוף-כּל-סוף איז דאָך קיין חילוק ניט, ווען ס׳איז געווען, אַבי ס׳איז געווען.

אַלזאָ - איינמאָל אין אַ אינדערפֿרי הער איך ווי אונטער מײַן פֿענצטער בלאָזט אַ קאַר שופֿר. איך האָב אַרויסגעקוקט און דערזען אין קאַר מײַן שכן דעם ליטוואַק און זײַן ווײַב די ליטוואַטשקע (איך האָב שוין אײַך אַמאָל באַקענט מיט זיי). זיי זײַנען געזעסן בהרחבֿה׳דיק און מיך אײַנגעלאַדן אָנצוקוקן זייער נײַע סעקאָנד הענד קאַר, וועלכע זיי האָבן ערשט געקויפֿט פֿאַר זייער ביזנעס – אַ כריין פֿעקטאָרי.

איך בין אַרויס און זיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר דער קאַר. אַ "פֿאָר סיטער". אַ ביסל דאָסיק – אָפּגעניצעוועט, הייסט עס, אָבער אַ קאַר ווי אַלע קאַרס מיט פֿיר רעדער. וואָס איז דען דער אונטערשייד?

מײַן שכן, דער ליטוואַק, האָט מיך אײַנגעלאַדן אַז איך זאָל אַרײַנקריכן אין קאַר. זיי פֿאָרן אויף אַ טאָג קיין וועסטקליף צוליב "פּלעזשור" און ווילן אַז איך זאָל מיטפֿאָרן. איך האָב ניט וואָס מורא צו האָבן – האָט ער מיך פֿאַרזיכערט – ער קען גוט טרײַבן אַ קאַר. זאָל זײַן ווײַב זאָגן.

די ווײַב האָט געזאָגט: יאָ, ער קען טרײַבן אַ קאַר.

האָב איך זיך געלאָזט איבעררעדן און בין אַרײַנגעשפּרונגען.

מײַן שכן האָט באַשלאָסן פֿאָרן דורך די איסט ענד. ערשטנס וויל ער זיך דאָרט אַראָפּכאַפּן אין די ליין און אײַנקויפֿן שפּײַז פֿאַרן טאָג (אַ פֿלאַש בראָנפֿן מיט אַ פּאָר גלעזלעך האָט ער מיטגענומען פֿון דער היים און געהאַלטן אין זײַן פּאָקעט), און צווייטנס וויל ער דאָרט זיך אָפּשטעלן נעבן דעם האָספּיטאַל, מיטצונעמען נאָך אַ פּערזאָן, אַ שוואָגער זײַנעם, און דריטנס --- האָט ער מיר ניט געענדיקט, אָבער איך האָב פֿאַרשטאַנען אַז דריטנס האָט געמיינט: זאָלן פֿרײַנד און באַקאַנטע זען, אַז ער האָט אַ קאַר און פּלאַצן פֿון קנאה.

די קאַר האָט אַ ביסל אונטערגעטאַנצט , געהינקען אויף איין פֿוס, אזוי ווי זי וואָלט לײַדן פֿון הינער-אויגן, אָבער מײַן שכן האָט מיך באַרוּיִקט אַז ס׳איז גאָרניט, קיין סכנה.

ער האָט געטריבן די קאַר גאַנץ לאַנגזאַם. ער האָט מיר על פּי שׂכל אויפֿגעוויזן אַז אין לאָנדאָן פֿאָרט מען געוויינטלעך לאַנגזאַמער, ווי אויסער לאָנדאָן. אַז מ'וועט אַרויס פֿון שטאָט, וועט ער מיר ערשט ווײַזן וואָס פֿאַר אַ קאַר דאָס איז און וואָס פֿאַר אַ דרײַווער ער איז.

מײַן שכנה די ליטוואַטשקע האָט זיך צעלייגט בהרחבֿהדיק, גלײַך ווי ניט נאָר די קאַר, נאָר די גאַנצע וועלט איז אירע.

אין די ליין האָט מײַן שכן אײַנגעקויפֿט הערינג, סענדוויטשעס מיט ״בשׂר כּשר״ און זויערע אוגערקעס. די זויערע אוגערקעס זײַנען געווען פֿאַר דער ליטוואַטשקע, וועלכע... איר פֿאַרשטייט... ס'פּאַסירט מיט אַלע פֿאַרהייראַטע פֿרויען... און אַזוי ווי ער איז אַ ליטוואַק, האָט ער פֿאַר זיך אײַנגעקויפֿט קנאָבל.

די קאַר האָט זיך געלאָזט שפּאַצירן איבער ווײַטשעפּעל. ניט ווײַט פֿון לאָנדאָן האָספּיטאַל האָט זיך אַרײַנגעזעצט אויך זײַן שוואָגער, אַ געל ייִדל מיט אַ שפּיציק בערדל. דערצו האָט זיך אַרײַנגעזעצט זײַן ווײַב, וועלכע איז געווען ניט אַזוי הויך ווי ברייט, און דערצו האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אירע צוויי שוועסטער, צוויי מוידן ענלעך איינע צו דער צווייטער ווי צוויי טראָפּן וואַסער. און אויב זיי האָבן זיך ניט פֿאַרביטן, איז עס נאָר דערפֿאַר ווײַל זיי האָבן געהאַט פֿאַרשיידענע נעמען: סיידי און פּעני.

די קאַר האָט זיך ווידער געלאָזט אין וועג. אויסער וואָס זי האָט געהינקען, האָט זי אויך אָנגעהויבן אונטערפּײַפֿן, גלײַך ווי זי וואָלט לײַדן פֿון אַסטמע. ס'האָט איר אַ פּנים פֿאַרדראָסן וואָס זײַענדיק אַ ״פֿאָר סיטער״ האָט מען אויף איר אָנגעזעצט איבעריקע פֿאַרשוינען.

נעבן באָו האָט זיך אַ פּאָליסמאַן עפּעס אָנגעהויבן בייזערן אויף מײַן שכן און האָט אים געפֿרעגט צי ער ווייס דעם חילוק פֿון רעכטץ ביז לינקס. מײַן שכן האָט מיר אָבער דערנאָך דערקלערט, אַז דער פּאָליסמאַן האָט זיך אומזיסט צו אים געטשעפּעט. מסתּמא אַן אַנטיסעמיט.

ס'איז שוין געווען כמעט האַלבער טאָג ווען מיר זײַנען אַרויסגעפֿאָרן פֿון לאָנדאָן.
איצט וועט עס שוין גיין ווי אַ מיזמור! – האָט דער ליטוואַק מיר פֿאַרזיכערט.
מיט אַמאָל – עס רעגנט. אַ מבול. די ליטוואַטשקע שלאָגט פֿאָר אויסשפּרייטן די דעק פֿון קאַר.
דער ליטוואַק וויל אָבער ניט. ער פֿאַרזיכערט אַז ס'איז ניט כדאי די טירחה. דער רעגן וועט באַלד אויפֿהערן.

ערשט ווען מיר זײַנען שוין אַלע דורכגענעצט און דורכגעווייקט שטעלט ער אָפּ די קאַר און זאָגט:
- אפֿשר וואָלט אַ פּלאַן געווען צו נוצן דעם דעק?
מיר קריכן ביידע אַראָפּ און ציִען די דעק. לאָזט זי זיך ניט. דער געלער שוואָגער גיט אַן עצה:
- מ'דאַרף קריגן אַ גוי!

מיר שטייען אַ היפּשע צײַט און קוקן אַרויס אויף אַ גוי. ענדלעך קריגן מיר. דער גוי קומט צו, ציט איבער די דעק, מ׳באַצאָלט אים און מיר פֿאָרן ווײַטער.

די קאַר גייט שוין ניט ווי פֿריער. זי גליטשט זיך אַהער און אַהין און גייט ווי אַ שיכּור. אָט איז זי רעכץ און אָט איז זי לינקס. די אַנדערע קאַרס וואָס פֿאָרן פֿאַרבײַ בלאָזן שופֿר, תּקיעות גדולות און די דרײַווערס שילטן דעם ליטוואַק און סטראַשען מיט קולאַקעס. ער נעמט עס אָבער רויִק:
- ווער הערט זיי? טענהט ער.
- זיי פֿאַרגינען ניט, וואָס אַ ייִד האָט אויך אַ קאַר.
פּלוצלינג אַ גליטש און אַ קוויטש און אַ זשששששו. וואָס איז? עט, אַ קלייניקײַט. אַ ראָד האָט געפּלאַצט.

קריכן מיר ביידע אַראָפּ. מײַן ליטוואַק נעמט אַראָפּ די רעזערוו ראָד, וואָס היינגט אויף דער קאַר און מיר ביידע באַמיִען זיך איבערבײַטן די קראַנקע ראָד אויף דער געזונטער. אָבער אַ נעכטיקער טאָג. עס גייט ניט. מיר זײַנען ביידע אויסגעשמירט, ווי די רוחות און שטייען מיט אויסגעשטרעקטע הענט און ווייסן ניט וואָס צו טאָן.

דער געלער שוואָגער גיט פֿון דער קאַר אַן עצה:
- מ׳דאַרף קריגן אַ גוי!
ענדלעך קריגן מיר אַ גוי. די ראָד ווערט אָנגעטאָן און מיר פֿאָרן ווײַטער.
אין עטלעכע מינוט אַרום שטעלט זיך די קאַר ווידער אָפּ. מײַן שכן שרײַט אויס: "אוי וויי!"

וואָס איז? ער האָט דערפֿילט אַז ס׳איז אים נאַס אין די תּחתּונים. ער האָט זיך אַרויפֿגעזעצט אויף דער פֿלאַש בראָנפֿן און זי צעקוועטשט און ער זיצט אויף שטיקער גלאָז.
מילא, זאָל זײַן אָן בראָנפֿן. על פּי נויט קען מען קריגן בראָנפֿן אויפֿן וועג אין אַ פּאָבליק הויז.

ס׳ווערט שוין גאַנץ שפּעטלעך און דאָס האַרץ הייבט אָן ציִען. די ליטוואַטשקע עפֿנט דעם באָקס מיט די מאכלים. פּלוצלינג – טראַך! עס טוט אונדז אַלעמען אַ טרייסל און מיר כאַפּן זיך אָן איינער אָנעם צווייטן. די גלאָז פֿון קאַר ווערט צעשמעטערט און פֿאַלט אויף אונדז. וואָס איז? די קאַר איז אָנגעפֿאָרן אויף אַ "טשערעבענק". עס ווערט אַ מהומה. אונדזער עולם קריכט אַרויס פֿון קאַר און אַן עולם קריכט אַרויס פֿון "טשערעבענק". דער ליטוואַק מיט יענעם דרײַווער זידלען זיך איינער באַשולדיקט דעם צווייטן. ענדלעך בײַט מען זיך מיט די נעמען און אַדרעסן.

ווען דער "טשערעבענק" איז אָפּגעפֿאָרן באַרימט זיך דער ליטוואַק:

- ווען ס'וואָלט טרעפֿן מיט אַן אַנדערן, וואָלטן מיר אַלע אין קאַר דערהאַרגעט געוואָרן. מיר דאַרפֿן אָבער בענטשן גוימל וואָס ער איז אַ גוטער דרײַווער און די קאַר איז נאָר אָפּגעקומען מיט אַ "דעמעדזש", אָבער עס מאַכט ניט. די קאַר איז אינשורט.

מיר פֿאָרן ווײַטער. צו דעם עסן קען מען זיך ניט צורירן, ווײַל אַלץ איז באַשאָטן מיט גלאָז.

מיר פֿאָרן ווײַטער. איך טראַכט מיר: סוף כּל סוף איז פֿון מיר אַ נאַרישקײַט וואָס איך האָב לעצטע וואָך אַרויסגעטריבן דרײַ אישורענס אַגענטן איינעם נאָכן אַנדערן. ס'איז דאָך בעסער ווען מ'האָט אַ "לײַף פּאָליסי".

אין אַ ווײַלע אַרום אַ נייער סטאָפּ. מײַן שכן דרייט דאָרט, קוועטשט – עס גייט ניט. מיר קריכן בײדע אַרויס. מײַן שכן עפֿנט די מאַשין פֿון דער קאַר, דעקט אויף אירע קישקעס און געדערעם. שטופּט אַ האַנט דאָ און דאָרט, צעבלוטיקט אַ פֿינגער, אָבער עס העלפֿט ניט.

מיר שטייען פֿאַרצווייפֿלט אַ לאַנגע צײַט. ס'הויבט שוין אָן פֿינצטער ווערן. דער רעגן גיסט ווי פֿון אַן עמער. וואָס טוט מען?

גיט דער שוואָגער אַן עצה:

מ'דאַרף קריגן אַ גוי!

ענדלעך קריגן מיר אַ גוי. ער קומט צו, טאַפּט און שאָקלט מיט יאוש דעם קאָפּ. צום סוף דערקלערט ער אונדז, אַז אויבן, באַרג ארויף געפֿינט זיך אַ "גאַראַדזש", זאָלן מיר צושלעפּן אַהין די קאַר און דאָרט וועלן זיי שוין זען.

מײַן שכן און איך הייבן אָן שטופּן די קאַר. ס'איז גליטשיק און ס'איז באַרג אַרויף. מיר שוויצן בײדע. מיר דערפֿילן אַז ס'איז ניט פֿאַר אונדזערע כּוחות. דאָס געלע ייִדל האָט אָבער אַן עצה:

מ'דאַרף קריגן אַ גוי!

מיר קריגן אַ גוי. מיט גרויס מי דערשלעפּן מיר די קאַר צום "גאַראַדזש". דער קאַר דאָקטאָר ערקלערט אַז ס'איז אַ "גרויסער דזאָב" און אַז ער קען עס הײַנט ניט פֿאַרענדיקן.

דאָס געלע ייִדל גיט אַן עצה:

- קריגן אַ גוי מיט אַ קאַר, צובינדן אודזער קאַר אונטערן גויס קאַר און אַרײַנפֿאָרן אין וועסטקליף און זי דאָרט פֿאַרריכטן.

ענדלעך קריגן מיר אַ גוי מיט אַ קאַר. מיר שלעפּן זיך אין רעגן און גליטש זייער לאַנגזאַם. די נסיעה ציט זיך און ציט זיך. ענדלעך קומען מיר אָן. צו מײַן גליק כאַפּ איך נאָך דעם לעצטן טריין קיין לאָנדאָן.

שוין איין מאָל אַ נסיעה געווען. שוין איינמאָל אַ "פּלעזשור".

מײַן שכן האָט מיך אויף מאָרגן אײַנגעלאַדן אַז איך זאָל "נעקסט וויק" פֿאָרן מיט אים קיין בריטאַן אויף "פּלעזשור". ער פֿאַרזיכערט מיך אַז נאָך דעם ווי מ׳האָט די קאַר פֿאַרריכט איז קיין בעסערע קאַר ניטאָ אין גאַנץ מלכות ענגלאַנד.